# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע

פרשת ויצא, ט' כסליו, שנת תשפ"ו לפ"ק

שנה 15, גליון 9 (727)


**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות..................4:12
מוצאי שבת קודש.............5:42

**שיעורים כסדרן**
נ"ך............................משלי י"א
בבלי.........................זבחים ע"ו
ירושלמי..............נדרים ל"ה
תוספתא.......................פרה ג'
רמב"ם..................סנהדרין ט"ז

## אַ וָוארְט אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

וְעֵינֵי לֵאָה רַכּוֹת וְרָחֵל הָיְתָה יְפַת תֹּאַר וִיפַת מַרְאֶה, דִי הֵייליגֶע תּוֹרָה דֶערְצֵיילְט אוּנְז אַז דִי אוֹיגְן פוּן לֵאָה זֶענֶען גֶעוֶוען פַארְוֵויינְט אוּן רָחֵל הָאט גֶעהַאט אַ שֵׁיינֶע גֶעשְׁטַאלְט אוּן אַ שֵׁיינֶע אוֹיסְזֶען. דֶער הֵייליגֶער רֶבִּי זָאגְט אוֹיף דֶעם פָּסוּק (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן יב; עַיֵּין לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת, אוֹרַח חַיִּים, רֹאשׁ חוֹדֶשׁ, הֲלָכָה ה, אוֹת כט) אַז 'רָחֵל' וַוייזְט אוֹיף 'תּוֹרָה', דִי בְּחִינָה פוּן 'עָלְמָא דְּאִתְגַּלְיָא' (עַיֵּין זֹהַר חֵלֶק א', דַּף קנח), וֶוען אַ מֶענְטְשׁ לֶערְנְט תּוֹרָה, וֶוען מֶען לֶערְנְט אַ פֶּרֶק מִשְׁנָיוֹת, וֶוען מֶען לֶערְנְט אַ בְּלַאט גְּמָרָא, אִיז דָאס 'יְפַת תֹּאַר וִיפַת מַרְאֶה', אַלֶע זֶעעֶן דָאס שֵׁיינְקַייט פוּן לֶערְנֶען תּוֹרָה אוּן מֶען הָאט הַנָּאָה פוּנֶעם לֶערְנֶען, מֶען פְרֵיידְט זִיךְ, "בָּרוּךְ הַשֵּׁם אִיךְ הָאבּ גֶעלֶערְנְט תּוֹרָה", ווידֶער 'לֵאָה' - וַוייזְט אוֹיף 'תְּפִלָּה', דִי בְּחִינָה פוּן 'עָלְמָא דְּאִתְכַּסְיָא', וָואס זִי אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען שֵׁיין אִין מֶענְטְשְׁנ'ס אוֹיגְן, וַוייל דִי חֲשִׁיבוּת פוּן תְּפִלָּה אִיז פַארְהוֹילְן פוּן אַ מֶענְטְשׁ, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן שְׁפִּירְט עֶר נִישְׁט ווִי עֶר הָאט דָא עֶפֶּעס גֶעטוּן, עֶר שְׁפִּירְט נִישְׁט ווִי דָאס אִיז אַן עֲבוֹדָה פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר טְרַאכְט: "וָואס הָאבּ אִיךְ דֶען גֶעטוּן? אִיךְ הָאבּ נָאר גֶעזָאגְט אַפָּאר וֶוערְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן", דֶער אֱמֶת אִיז אָבֶּער אַז תְּפִלָּה אִיז דִי הֶעכְסְטֶע זַאךְ, דִי פָּשׁוּטֶע פָּאר וֶוערְטֶער וָואס אַ אִיד רֶעדְט אַרוֹיס פוּן זַיין מוֹיל צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיז דִי גְרֶעסְטֶע אוּן הֶעכְסְטֶע זַאךְ וָואס עֶר קֶען נָאר טוּן, אוּן דָאס וֶועט אִים בְּרֶענְגֶען צוּ אַלֶעס גוּטְס בְּרוּחְנִיּוּת וּבְגַשְׁמִיּוּת, אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

רֶבִּי נָתָן דֶערְצֵיילְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן ס"ח) אַז דֶער רֶבִּי הָאט זֵייעֶר אַסַאךְ גֶערֶעדְט פוּן דִי גְרוֹיסְקֵייט אוּן וויכְטִיגְקֵייט אַז יֶעדֶער אִיד זָאל שְׁמוּעֶסְן אוּן רֶעדְן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף זַיין אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ, זִיךְ אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס לִיגְט אִים אוֹיפְ'ן הַארְץ, אַלֶעס וָואס בַּאדֶערְט אִים, אַלֶעס וָואס שְׁטֶערְט אִים, ווִי שְׁטַארְק מֶען ווִיל זִיךְ עֶרְלִיךְ אוּן וואוֹיל אוּן נִישְׁט אַלְץ גֵייט עֶס אַזוֹי גְרִינְג, אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט אַלֶע סָארְט טַעֲנוֹת אוּן בַּקָּשׁוֹת אַז מֶען זָאל שׁוֹין זוֹכֶה זַיין צוּ וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד אוּן מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶעס וָואס מֶען דַארְף. אוּן דֶער רֶבִּי הָאט צוּגֶעזָאגְט אַז וֶוער עֶס וֶועט אָפְּנֶעמֶען יֶעדְן טָאג אַ שְׁטִיק צַייט צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אִידִישׁ, וֶועט זִיכֶער וֶוערְן צוּם סוֹף אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אֲפִילוּ אִין אָנְהוֹיבּ וֶועט זִיךְ אִים דַאכְטְן אַז גָארְנִישְׁט רוּקְט זִיךְ, אַלֶעס בְּלַייבְּט בַּיים אַלְטְן, אוֹיבּ וֶועט מֶען זִיךְ אָבֶּער שְׁטַארְקְן אוּן נִישְׁט קוּקְן אוֹיף דֶעם, נָאר וַוייטֶער רֶעדְן אַסַאךְ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועט עֶר זִיכֶער צוּם סוֹף גֶעהָאלְפְן וֶוערְן.

לָאמִיר נֶעמֶען אֵיין מִינוּט אִין טָאג צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; נֶעם אַ זֵייגֶער אוּן שְׁטֶעל עֶס אָן אוֹיף זֶעכְצִיג סֶעקוּנְדֶעס, לָאז אָפּ דַיינֶע חֲבֵרִים, לָאז אָפּ דַיין טֶעלֶעפָאן, מֶענְטְשְׁן הָאבְּן נֶעבֶּעךְ נִישְׁט קַיין אֵיין מִינוּט מְנוּחָה, דִי גַאנְצֶע וֶועלְט לִיגְט אִים אִין טַאשׁ, אִין זַיין טֶעלֶעפָאן, יֶעדֶע רֶגַע אִיז עֶר פַארְנוּמֶען מִיט זַיין טֶעלֶעפָאן, עֶר קֶען זִיךְ נִישְׁט מְיַשֵּׁב זַיין. לֵייג אַלֶעס אִין דִי זַייט, לֶעשׁ אוֹיס דַיין טֶעלֶעפָאן פַאר אַפָּאר סֶעקוּנְדֶעס אוּן זָאג: **"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם וָואס טוּ אִיךְ דָא", "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ ווִיל דַאוֶוענֶען", "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ ווִיל לֶערְנֶען", "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ ווִיל זַיין אָפְּגֶעהִיטְן".**

וֶוער עֶס וֶועט טוּן דִי הַנְהָגָה - זָאגְט דֶער רֶבִּי צוּ - אַז עֶר וֶועט אַרוֹיסְגֵיין פוּן אַלֶע זַיינֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען, אוּן עֶר וֶועט מַצְלִיחַ זַיין. (אֲשֶׁר הָיָה אֶל יוֹאֵל, וַיֵּצֵא תשפ"ב)

## מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

### דֶער הֵייליגֶער מַהַרְשָׁ"א זי"ע

ה' כִּסְלֵו אִיז דִי יָארְצַייט פוּן הֵייליגְן מַהַרְשָׁ"א (מ'וֹרֵינוּ הָ'רַב רֶ'בִּי שְׁ'מוּאֵל אֱ'לִיעֶזֶר אֵ'יידְלִיס) זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ. דֶער רֶבִּי הָאט זֵייעֶר אוֹיסְגֶעלוֹיבְּט דֶעם פֵּירוּשׁ מַהַרְשָׁ"א, דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן ה), אַז דוּ וֶועסְט נֶעמֶען אַלֶע חָכְמוֹת פוּן דִי מֶחְקָרִים אוּן פִילוֹסוֹפִים קוּמְט עֶס נִישְׁט צוּ צוּ אֵיין שְׁטִיקְל מַהַרְשָׁ"א.

אוֹיךְ הָאט דֶער רֶבִּי דֶערְצֵיילְט מַעֲשִׂיּוֹת פַאר זַיין טָאכְטֶער דִי צַדֶּקֶת אָדְל וֶוען זִי אִיז גֶעוֶוען קְרַאנְק אוּן דֶער הֵייליגֶער רֶבִּי אִיז אִיר גֶעקוּמֶען בַּאזוּכְן, דֶער רֶבִּי הָאט גֶעהַאט גְרוֹיס צַעַר זֶעעֶנְדִיג ווִי אָדְל אִיז אַזוֹי קְרַאנְק, אוּן

<<<<<<

## א גוט ווארט

"וַיֵּצֵא יַעֲקֹב מִבְּאֵר שָׁבַע וַיֵּלֶךְ חָרָנָה", 'יַעֲקֹב' דָאס מֵיינְט מֶען דֶעם אִיד, 'בְּאֵר שֶׁבַע' דָאס אִיז דִי אֱמוּנָה, דִי זִיבֶּעטֶע סְפִירָה, דִי מַלְכוּת; אוֹיבּ אַ אִיד גֵייט אַוֶועק פוּן דִי אֱמוּנָה – 'וַיֵּלֶךְ חָרָן' וֶוערְט אַ חֲרוֹן אַף, עֶס וֶוערְט דִינִים, אוּן מִיט אֱמוּנָה וֶוערְט אַלֶעס נִמְתָּק.

שְׁטַארְק זִיךְ מִיט אֱמוּנָה, חַזֶר זִיךְ 'דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט מִיר'. דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן לג): "אֵצֶל הָעוֹלָם אֱמוּנָה הוּא דָּבָר קָטָן", בַּיי דִי וֶועלְט אִיז אֱמוּנָה אַ קְלֵיינִיקֵייט, מֶענְטְשְׁן זָאגְן 'וָואס דַארְף מֶען רֶעדְן אוּן חַזְרְ'ן אֱמוּנָה, וֶוער הָאט דֶען נִישְׁט קַיין אֱמוּנָה? יֶעדֶער הָאט אֱמוּנָה!' אוּן דֶער רֶבִּי זָאגְט, "וְאֶצְלִי אֱמוּנָה הוּא דָּבָר גָּדוֹל מְאֹד", אָבֶּער בַּיי מִיר אִיז דֶער עִיקָר אֱמוּנָה, "וְעִקַּר הָאֱמוּנָה הִיא בְּלִי שׁוּם חָכְמוֹת וַחֲקִירוֹת כְּלָל", מֶען דַארְף הָאבְּן אֱמוּנָה אָן קַיין חֲקִירוֹת אוּן אָן קַיין חָכְמוֹת, "רַק בִּפְשִׁיטוּת גָּמוּר כְּמוֹ שֶׁהַנָּשִׁים וְהֶהָמוֹן עַם הַכְּשֵׁרִים מַאֲמִינִים", נָאר פָּשׁוּט אַזוֹי ווִי פְרוֹיעֶן אוּן פָּשׁוּטֶ'ע מֶענְטְשְׁן וָואס לֶעבְּן בִּתְמִימוּת וּפְשִׁיטוּת מִיט אֱמוּנָה אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. (עֲצָתוֹ אֱמוּנָה וַיֵּצֵא תשפ"ו)

בְּרִיוו פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

# קַאלְטְקֵייט אוּן בַּאבְּלָאזְנְקֵייט

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ

יוֹם ג' פַּרְשַׁת תּוֹלְדוֹת, כ"ז מַרְחֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ו לפ"ק

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אַז דַיין וַוייבּ שְׁרֵייט אוֹיף דִיר אוּן זִי בַּאזִידְלְט דִיר – אִיז דָאס וַוייל עֶפֶּעס טוּט אִיר וֵויי, עַל פִּי רוֹב אִיז זִי בַּאלֵיידִיגְט אוּן נִישְׁט בַּאקְוֶועם צוּ זָאגְן וָואס עֶס שְׁטֶערְט אִיר, דֶערִיבֶּער שְׁרֵייט זִי, אוּן אַז דוּ וֶועסְט אַרַיינְטְרַאכְטְן אוּן מַאכְן אַ חֶשְׁבּוֹן הַנֶּפֶשׁ – וֶועסְטוּ זֶען וָואס שְׁטֶערְט אִיר אוּן אוֹיף וָואס דוּ דַארְפְסְט אִיבֶּערְבֶּעטְן.

בֶּעט אִיר אִיבֶּער, בְּרֶעךְ דוּרְךְ דִי אַייז, בְּרֶעךְ דוּרְךְ דִי קַאלְטְקֵייט אוּן בַּאבְּלָאזְנְקֵייט, זַיי דוּ דֶער קְלוּגֶער וָואס בֵּייגְט זִיךְ אַיין דִי קָאפּ, אוּן אֲפִילוּ דוּ הַאלְטְסְט אַז מֶען דַארְף דִיךְ אִיבֶּערְבֶּעטְן – זַיי דוּ דֶער וָואס בֶּעט אִיבֶּער, זַיי נִישְׁט דֶער גֶערֶעכְטֶער, זוּךְ נִישְׁט אוֹיסְצוּפִירְן, זוּךְ צוּ בְּרֶענְגֶען שָׁלוֹם אִין שְׁטוּבּ.

בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דוּ זָאלְסְט זֶען נָאר דָאס גוּטְס אִין אִיר, עֶס זָאל זַיין חֵן צְווִישְׁן עֶנְק. דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים דֶערְצֵיילְן אַ מַעֲשֶׂה (שַׁבָּת נג:), אֵיינֶער הָאט חֲתוּנָה גֶעהַאט מִיט אַ גֶעלֶעמְטֶע פְּרוֹי, אוּן עֶר הָאט נִישְׁט גֶעוואוּסְט אַז זִי אִיז גֶעלֶעמְט, בִּיז זִי אִיז אַוֶועק פוּן דִי וֶועלְט. הָאט רַבִּי חִיָּיא גֶעזָאגְט: "כַּמָּה צָנוּעַ אָדָם זֶה שֶׁלֹּא הִכִּיר בְּאִשְׁתּוֹ", עֶס מוּז זַיין אַז דֶער מֶענְטְשׁ אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר אֵיידְל אַז עֶר הָאט נִישְׁט גֶעקוּקְט אוֹיף זַיין וַוייבּ אִיר גַאנְץ לֶעבְּן, אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ זָאגְן פְּשַׁט, ווִי קֶען זַיין אַ מֶענְטְשׁ זָאל נִישְׁט זֶען אוּן ווִיסְן אַז זַיין וַוייבּ אִיז אַ גֶעלֶעמְטֶע? אוּן וָואס אִיז דִי מַעֲלָה פוּן נִישְׁט קוּקְן אוֹיף דִי אֵייגֶענֶע וַוייבּ? נָאר פְּשַׁט אִיז, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעזֶען אִירֶע חֶסְרוֹנוֹת, עֶר הָאט נָאר גֶעזֶען אִירֶע מַעֲלוֹת; דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים רִימֶען אוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס זוּכְט נִישְׁט חֶסְרוֹנוֹת אִין דִי וַוייבּ, ווִי גְלִיקְלִיךְ אִיז דֶער מֶענְטְשׁ, "כַּמָּה צָנוּעַ אָדָם זֶה" – וָואס לוֹיבְּט אוּן דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר דִי וַוייבּ וָואס עֶר הָאט, וְהָבֵן לְמַעֲשֶׂה.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה תּוֹלְדוֹת תשפ"ו)

## סֵפֶר הַמִּדּוֹת תּוֹכָחָה

**יב. עַל יְדֵי תּוֹכָחָה שֶׁתּוֹכִיחַ, תָּנוּחַ בַּקֶּבֶר בְּלֹא צַעַר גֵיהִנּוֹם וְתִזְכֶּה לְגַן עֵדֶן. דוּרְכ'ן זָאגְן מוּסָר, וֶועסְטוּ רוּעֶן רוּאִיג אִין קֵבֶר, אָן קַיין צַעַר פוּן גֵיהִנּוֹם, אוּן דוּ וֶועסְט זוֹכֶה זַיין צוּ גַן עֵדֶן.**



דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ - דֶער זֵיידֶע פוּן רֶבִּי'ן - אִיז גֶעקוּמֶען אִין חָלוֹם אוּן גֶעפְרֶעגְט: "פַארְוָואס בִּיסְטוּ אַזוֹי בְּצַעַר?" הָאט דֶער רֶבִּי גֶעעֶנְטְפֶערְט פַארְן הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב: "אִיךְ בִּין בְּצַעַר וֶועגְן מַיין טָאכְטֶער, וָואס זִי אִיז אַזוֹי קְרַאנְק", הָאט דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ גֶעזָאגְט אִין חָלוֹם פַארְן רֶבִּי'ן, עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (תְּהִלִּים מג, נא): "מַגְדִּיל יְשׁוּעוֹת מַלְכּוֹ וְעֹשֶׂה חֶסֶד לִמְשִׁיחוֹ", דִי כַּוָּונָה אִיז, 'מַגְדִּיל יְשׁוּעוֹת' דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת, 'מַלְכּוֹ' פַאר דִי צַדִּיקִים וָואס זֵיי זֶענֶען מְלָכִים (מַאן מַלְכֵי רַבָּנָן [גִּיטִּין סב.]) 'וְעֹשֶׂה חֶסֶד' אוּן עֶר טוּט חֶסֶד, 'לִמְשִׁיחוֹ' פַאר דִי וָואס דֶערְצֵיילְן, 'מֵשִׂיחַ' אִיז אַ לָשׁוֹן פוּן שְׁמוּעֶסְן, מֵסִיחַ; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט ווּאוּנְדֶער פַאר דִי וָואס דֶערְצֵיילְן מַעֲשִׂיּוֹת פוּן צַדִּיקִים, דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט גֶעזָאגְט פַארְן רֶבִּי'ן: "דוּרְךְ סִיפּוּרֵי צַדִּיקִים וֶועסְטוּ זֶען אַ יְשׁוּעָה".

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶעוֶועקְט אוּן אָנְגֶעהוֹיבְּן דֶערְצֵיילְן אַ מַעֲשֶׂה פוּנֶעם הֵיילִיגְן צַדִּיק דֶער מַהַרְשָׁ"א זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ. אִין דִי צַייטְן פוּנֶעם הֵיילִיגְן צַדִּיק דֶער מַהַרְשָׁ"א אִיז גֶעוֶוען אִין דִי שְׁטָאט אוֹסְטְרָהָא - דִי שְׁטָאט וואוּ דֶער מַהַרְשָׁ"א אִיז גֶעוֶוען דֶער רָב - אַ גְרוֹיסֶער קְלוֹיסְטֶער, דָארְט אִיז גֶעוֶוען אַ שְׁרֶעקְלִיכֶע טוּמְאָה, אוּן נִישְׁט וַוייט פוּן דִי קְלוֹיסְטֶער הָאט זִיךְ גֶעפוּנֶען דֶער אִידִישֶׁער בֵּית הַחַיִּים פוּן דִי שְׁטָאט אוֹסְטְרָהָא, אוּן יֶעדֶע מָאל עֶס פְלֶעגְט זַיין אַ לְוָיָ' פְלֶעגְט מֶען דַארְפְן אַרִיבֶּערְגֵיין דִי קְלוֹיסְטֶער, אוּן דִי גְלֶעקְלֶעךְ פוּן דִי קְלוֹיסְטֶער פְלֶעגְן זִיךְ צוּקְלִינְגֶען אוּן פַארְכַאפְּן דִי מֶענְטְשְׁן אִין דִי טוּמְאָה.

דֶער הֵיילִיגֶער מַהַרְשָׁ"א הָאט גֶעוואוּסְט פוּן דִי טוּמְאָה, הָאט עֶר בַּאפוֹילְן, אַז וֶוען עֶס וֶועט קוּמֶען דִי צַייט וֶוען עֶר וֶועט אַוֶועקְגֵיין פוּן דִי וֶועלְט אוּן מֶען וֶועט אַרִיבֶּערְגֵיין מִיט זַיין מִיטָּה דֶעם קְלוֹיסְטֶער - זָאל מֶען לֵייגְן אוֹיפְן בֶּעט זַיין הֵיילִיגְן סֵפֶר חִידוּשֵׁי מַהַרְשָׁ"א. אַזוֹי אִיז טַאקֶע גֶעוֶוען, דֶער הֵיילִיגֶער מַהַרְשָׁ"א אִיז נִפְטָר גֶעוָוארְן אוּן מֶען הָאט דוּרְכְגֶעפִירְט זַיין מִיטָּה דוּרְךְ דֶעם שְׁרֶעקְלִיכְן טוּמְאָה, אוּן אִין דִי מִינוּט וָואס דִי מִיטָּה אִיז אַרִיבֶּער דִי טוּמְאָה אוּן דִי גְלֶעקְלֶעךְ הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן זִינְגֶען - הָאט דֶער הֵיילִיגֶער מַהַרְשָׁ"א זִיךְ אוֹיפְגֶעזֶעצְט אוֹיף זַיין בֶּעט אוּן אָנְגֶעהוֹיבְּן מִישְׁן דִי בְּלֶעטֶער פוּן זַיין הֵיילִיגְן סֵפֶר. דֶער גַאנְצֶער עוֹלָם קוּקְט זִיךְ צוּ, עֶס אִיז אַ פַּחַד אוּן אַ שְׁרֶעק צוּ זֶען דֶעם הֵיילִיגְן מַהַרְשָׁ"א נָאכְן פְּטִירָה זִיצְן אוּן מִישְׁן דִי בְּלֶעטֶער, אוּן אַזוֹי מִישְׁנְדִיג זֶעט מֶען אַ שְׁרֶעקְלִיכֶע זַאךְ, דִי קְלוֹיסְטֶער הוֹיבְּט אָן אַיינְזִינְקֶען אִין דֶער עֶרְד, יֶעדֶע בְּלַאט וָואס דֶער מַהַרְשָׁ"א מִישְׁט - גֵייט אַרָאפּ דִי גַאנְצֶע טוּמְאָה מֶער אוּן מֶער מִיט אַלֶע מֶענְטְשְׁן, מִיט אַלֶע חֲפֵצִים; בִּיז מֶען הָאט אִיר שׁוֹין מֶער נִישְׁט גֶעזֶען אוּן עֶס אִיז גֶעבְּלִיבְּן אַ זֵכֶר, אַ סִימָן - דָארְט אַרוּם דִי פְּלַאץ עַד הַיּוֹם הַזֶּה.

וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט גֶעעֶנְדִיגְט דֶערְצֵיילְן דִי מַעֲשֶׂה הָאט אָדְל זִיךְ שׁוֹין אָנְגֶעהוֹיבְּן גוּט צוּ שְׁפִּירְן, אוּן זִי פְלֶעגְט שְׁטֶענְדִיג דֶערְצֵיילְן דִי מַעֲשֶׂה פַאר אַנְדֶערֶע קְרַאנְקֶע וָואס הָאבְּן גֶעדַארְפְט אַ רְפוּאָה, אוֹיךְ רֶבִּי נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה פְלֶעגְט דֶערְצֵיילְן דִי מַעֲשֶׂה פַאר חוֹלִים, אוּן הַיינְט אִין דֶער יָארְצַייט אִיז אַ גְרוֹיסֶע סְגוּלָה צוּ דֶערְצֵיילְן דִי מַעֲשֶׂה, עֶס בְּרֶענְגְט יְשׁוּעוֹת.

אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ פִירְן זִיךְ אוֹיךְ אַזוֹי, מֶען דֶערְצֵיילְט דִי מַעֲשֶׂה וֶוען מֶען דַארְף אַ יְשׁוּעָה.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה וַיֵּצֵא תשפ"ו)

## שְׁמוּעֶסְן אוּן גֶעדַאנְקֶען

מֵיינְט אִיר אַז אִין בְּרֶסְלֶב אִיז אַלֶעס קוֹדֶשׁ קָדָשִׁים? נֵיין נֵיין; אוֹיבּ דֶער מֶענְטְשׁ לֶערְנְט נִישְׁט דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים, נַארְט עֶר זִיךְ זֵייעֶר אָפּ, עֶר גֵייט אַרוּם מִיט גְרוֹיסֶע דִמְיוֹנוֹת.

אוֹיבּ לֶערְנְט מֶען נִישְׁט דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים, סְפֶּעצִיעֶל דֶעם הֵיילִיגְן סֵפֶר לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, הָאט מֶען נִישְׁט קַיין שׁוּם שַׁיְיכוּת מִיטְ'ן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

(אִמְרֵי מוֹהֲרָא"שׁ, חֵלֶק א', סִימָן ס"א)

# דִי לֶעבְּנְסְגֶעשִׁיכְטֶע פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן (רכט)

טְרָאץ זַיין גְרוֹיסֶע שְׁוַואכְקֵייט, הָאט דֶער רֶבִּי גֶערֶעדְט מִיט רֶבִּי נָתָן אוּן אִים מְרַמֵז גֶעוֶוען גֶעוַואלְדִיגֶע זַאכְן, וִוי אַזוֹי זַיין זַאךְ וֶועט זִיךְ צִיעֶן אוֹיף אַלֶע דוֹרוֹת, עֶר הָאט זֵייעֶר מְחַזֵק גֶעוֶוען אוּן גֶעשְׁטַארְקְט רֶבִּי נָתָנְ'ן אַז עֶר זָאל זִיךְ דֶערְהַאלְטְן מִיט אַלֶע כּוֹחוֹת, עֶר זָאל זִיךְ הַאלְטְן זֵייעֶר שְׁטַארְק. דֶער רֶבִּי הָאט אִים מְגַלֶה גֶעוֶוען, "עֶס וֶועט נָאךְ אַסַאךְ אַסַאךְ אַרִיבֶּערְגֵיין אוֹיף דִיר, זָאלְסְט זִיךְ נָאר הַאלְטְן פֶעלְזְן פֶעסְט מִיט דִי תּוֹרָה וָואס אִיךְ הָאבּ דִיר גֶעלֶערְנְט".

פוּן אֵיין זַייט הָאט רֶבִּי נָתָן זִיךְ טַאקֶע זֵייעֶר מְצַעֵר גֶעוֶוען צוּ הֶערְן דִי וֶוערְטֶער אַז דֶער רֶבִּי גֵייט נִסְתַּלֵק וֶוערְן, אָבֶּער פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט פְלֶעגְט רֶבִּי נָתָן אַסַאךְ מָאל שְׁפֶּעטֶער דֶערְצֵיילְן אַז וֶוען נִישְׁט דִי דִיבּוּרִים וָואס עֶר הָאט דֶעמָאלְט גֶעהֶערְט פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, וֶוער וֵוייסְט וָואס וָואלְט גֶעוָוארְן פוּן אִים, ווייל עֶס זֶענֶען אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען קֶעגְן אִים וֶוער עֶס אִיז אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען, אַסַאךְ אַסַאךְ הָאבְּן גֶעקְרִיגְט אוֹיף אִים, אָבֶּער דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים נִישְׁט פַארְלָאזְט, אוּן עֶר אִיז אַלֶעס אִיבֶּערְגֶעקוּמֶען אוּן עֶר הָאט מַצְלִיחַ גֶעוֶוען.

**תשעב**

**שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת פִּנְחָס, כ"א תַּמוּז,** אִיז רֶבִּי נָתָן גֶעוֶוען בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן. פוּן עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת בָּלָק בִּיז נָאךְ שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת פִּנְחָס אִיז רֶבִּי נָתָן גֶעזֶעסְן בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, פוּן דִי גְרוֹיס בֶּענְקְשַׁאפְט, לִיכְטִיגְקֵייט, אוּן גֶעשְׁמַאק וָואס עֶר הָאט דָארְט גֶעשְׁפִּירְט.

יֶענֶעם שַׁבָּת הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶערֶעדְט אַסַאךְ פוּן רֹאשׁ הַשָּׁנָה, פוּן דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן וֶוער עֶס אִיז זוֹכֶה צוּ זַיין בַּיי אִים אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט, "דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אִיז אָנְגֶעהָאנְגֶען אוֹיף מַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה. מַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִיז אַ גְרוֹיסֶער חִידוּשׁ, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֵוייסְט אַז דָאס אִיז נִישְׁט עֶפֶּעס וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעיַרְשְׁנְ'ט פוּן מַיינֶע עֶלְטֶערְן, נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר דָאס גֶעגֶעבְּן אַ מַתָּנָה אַז אִיךְ וֵוייס וָואס רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִיז. דָאס אִיז דָאךְ פָּשׁוּט אוּן זִיכֶער אַז אִיר זֶענְט אָנְגֶעהָאנְגֶען אִין מַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אָבֶּער נִישְׁט נָאר אִיר זֶענְט אָנְגֶעוָואנְדְן אִין דֶעם, נָאר אוֹיךְ דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אִיז אָנְגֶעהָאנְגֶען אִין מַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה".

אִינְמִיטְן דִי שְׁמוּעֶסְן הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט, "כָאטְשׁ וָואס אִיךְ הָאבּ אַייךְ גֶעהֵייסְן צוּ פַאסְטְן, זָאג אִיךְ אַייךְ אָבֶּער יֶעצְט אַז אִיר זָאלְט אוֹיפְהֶערְן מִיט דִי תַּעֲנִיתִים, אִיר זָאלְט מֶער נִישְׁט פַאסְטְן דִי גֶעוִויסֶע טֶעג וָואס אִיךְ הָאבּ אַייךְ גֶעהֵייסְן פַאסְטְן, ווייל עֶס וֶועט סֵיי וִוי גַארְנִישְׁט הֶעלְפְן. וֶוער עֶס אִיז זוֹכֶה צוּ זַיין בַּיי מִיר אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, דֶער דַארְף נִישְׁט פַאסְטְן".

דֶער רֶבִּי הָאט גֶעהַאט אִין אָנְהוֹיבּ גֶעגֶעבְּן פַאר מֶענְטְשְׁן גֶעוִויסֶע טֶעג וֶוען זֵיי זָאלְן פַאסְטְן, יֶעדֶער אֵיינֶער לוֹיט דִי תִּיקוּן פַאר זַיין נְשָׁמָה (זֶע אוֹיבְּן אִין סִימָן תקע"ב), הָאט דֶער רֶבִּי יֶעצְט גֶעזָאגְט אַז מֶען זָאל מֶער נִישְׁט פַאסְטְן דִי תַּעֲנִיתִים.

דֶערְנָאךְ הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט, "אִיר כַאפְּט בִּכְלַל נִישְׁט וָואס דָא גֵייט פָאר, וָואס מֶען טוּט מִיט עֶנְק, ווייל קוֹדֶם הָאבּ אִיךְ אַייךְ גֶעהֵייסְן פַאסְטְן, אוּן נָאכְדֶעם גֶעזָאגְט אַז אִיר זָאלְט נִישְׁט פַאסְטְן".

דָאס הֵייסְט אַז פוּן דֶעם אַלֵיין קֶענֶען מִיר אַבִּיסְל פַארְשְׁטֵיין דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, ווייל דִי זַאךְ וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעגֶעבְּן פַאר יֶעדְן מֶענְטְשׁ בַּאזוּנְדֶער גֶעוִויסֶע סְפֶּעצִיעֶלֶע טֶעג אִין יָאר וָואס דֶעמָאלְט זָאל עֶר פַאסְטְן, דָאס אִיז דָאךְ גָאר אַ גֶעוַואלְדִיגֶע גְרוֹיסֶע הַשָּׂגוֹת, וָואס מֶען הָאט קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעהֶערְט אַזַא נָאךְ, אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל קֶענֶען מְגַלֶה זַיין פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם בִּפְרָטִיוּת וִוי אַזוֹי עֶר זָאל זִיךְ פִירְן מִיט תַּעֲנִיתִים זַיין גַאנְץ לֶעבְּן, אוּן כָאטְשׁ וָואס דָאס אִיז אַזַא גֶעוַואלְדִיגֶע זַאךְ, הָאט דֶער רֶבִּי אָבֶּער נָאכְדֶעם זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ נָאךְ אַ הֶעכֶערֶע מַדְרֵיגָה, נָאךְ גְרֶעסֶערֶע הַשָּׂגוֹת, וָואס לוֹיט דֶעם דַארְף מֶען שׁוֹין נִישְׁט פַאסְטְן אֲפִילוּ דִי תַּעֲנִיתִים וָואס דֶער רֶבִּי הָאט מְגַלֶה גֶעוֶוען מִיט זַיין גְרוֹיסֶע קְדוּשָׁה. וֶוער עֶס הָאט נָאר אַ מֹחַ אִין קָאפּ, קֶען פוּן דֶעם אַבִּיסֶעלֶע פַארְשְׁטֵיין דִי גֶעוַואלְדִיגֶע גְרוֹיסְקֵייט פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

פָארְזֶעצוּנְג קוּמְט אי"ה - גֶענוּמֶען פוּן סֵפֶר "פְּעֻלַּת הַצַדִיק"

### שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב

# מוּז מֶען גֶעבְּן גֶעלְט פַאר גֶעשְׁוְויסְטֶער פַאר מַתָּנוֹת?

*שְׁאֵלָה:*

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

וָואס אִיז דִי רִיכְטִיגֶע צוּגַאנְג מִיט גֶעשְׁוְויסְטֶער וֶוען זֵיי בֶּעטְן גֶעלְט פַאר מַתָּנוֹת? פַאר אַ חוֹדֶשׁ צוּרִיק הָאבּ אִיךְ גֶעגֶעבְּן פַאר מַיינֶע גֶעשְׁוְויסְטֶער אַבִּיסְל גֶעלְט פַאר אַ מַתָּנָה פַאר מַיינֶע עֶלְטֶערְן, יֶעצְט בֶּעט מֶען מִיר פַאר אַ מַתָּנָה פַאר אֵיינֶע פוּן דִי גֶעשְׁוְויסְטֶער וָואס הָאט זִיךְ אַרִיבֶּערְגֶעצוֹיגְן צוּ אַ נֵייעֶ דִירָה.

מַיין מַאן פְּרוּבִּירְט מִיט אַלֶע כּוֹחוֹת מִיר צוּ בְּרֶענְגֶען גֶעלְט פַאר רוּמֶערְקֶעס אוּן פַאר גְרָאסֶערִי. אִיךְ וִויל בְּלַייבְּן בְּשָׁלוֹם סֵיי מִיט מַיין מַאן אוּן סֵיי מִיט מַיינֶע גֶעשְׁוְויסְטֶער, וִוי אַזוֹי מַאכְט מֶען דָאס?

יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעס, אוּן בִּפְרַט פַאר דִי מִכְתָּבֵי יוֹמִי, עֶס אִיז אַזוֹי שְׁטַארְק.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

*תְּשׁוּבָה:*

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

יוֹם ג' פַּרְשַׁת תּוֹלְדוֹת, כ"ז מַרְחֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן
אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אֵייעֶר בְּרִיוו.

אִיר קֶענְט זָאגְן פַאר אֵייעֶר מַאן אַז מֶען הָאט אַייךְ גֶעבֶּעטְן גֶעלְט פַאר מַתָּנוֹת וְכוּ', אוּן אַז אֵייעֶר מַאן וֶועט אַייךְ גֶעבְּן - אִיז גוּט, אוּן אַז נִישְׁט - אִיז אוֹיךְ גוּט; אִיר דַארְפְט נִישְׁט וֶוערְן צֶעדְרוּקְט, אוּן אַז מֶען וֶועט אַייךְ דְרוּקְן צוּם וַואנְט 'וואוּ אִיז דִי גֶעלְט?' זָאלְט אִיר זָאגְן 'מִיר הָאבְּן נִישְׁט יֶעצְט, מִיר זֶענֶען יֶעצְט זֵייעֶר אוֹיסְגֶערֶעכְנְט מִיט דִי גֶעלְט'.

וֶוערְט נִישְׁט צֶעדְרוּקְט פוּן גֶעשְׁוְויסְטֶער, לֶעבְּט אֵייעֶר זִיסֶע לֶעבְּן מִיט אֵייעֶר מַאן אוּן אַייעֶרֶע קִינְדֶער, אוּן אַז דִי מִשְׁפָּחָה מַאכְט אָפּ מֶען גֵייט אַזוֹי טוּן, מֶען גֵייט אַהֶער טוּן - דַארְפְט אִיר נִישְׁט וֶוערְן פוּן דֶעם צֶעדְרוּקְט.

נֶעמְט דִי עֵצָה פוּן רֶבִּי'ן, דִי עֵצָה פוּן הִתְבּוֹדְדוּת, דִי עֵצָה וָואס מָשִׁיחַ צִדְקֵינוּ וֶועט אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אִין דִי וֶועלְט; זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן דָאס הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי שְׁפְּרַאךְ וָואס מֶען רֶעדְט, אוֹיף פְּרָאסְט אִידִישׁ, שְׁמוּעֶסְט מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶערְצֵיילְט אִים אַלֶעס וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף אַייךְ, דִי מַחְשָׁבוֹת פוּן וֶועלְן גֶעפֶעלְן דֶעם אוּן יֶענֶעם וְכוּ' וְכוּ', דָאס וֶועט אַייךְ מַאכְן לֶעבְּן מִיט אֱמוּנָה, עֶס וֶועט אַוֶועק גֵיין דִי אַלֶע פֶּעי"ר פְּרֶעשׁוּ"ר.

וֶוען רֶבִּי נָתָן אִיז מְקוֹרָב גֶעוָוארְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אִיז

<<<<<<

<<<<<< שו"ת ברסלב

עֶר גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן אוּן אִים פַּארְצֵיילְט אַלֶעס וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף אִים וְכוּ' וְכוּ', הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: "נָתָן, קוּם אַבִּיסְל שְׁפַּאצִירְן", אַזוֹי גֵייעֶנְדִיג הָאט דֶער רֶבִּי אַרוֹיפְגֶעלֵייגְט זַיין הַאנְט אוֹיף רֶבִּי נָתָנְ'ס אַקְסְל אוּן אִים גֶעזָאגְט אַפָּאר וֶוערְטֶער, וָואס דִי פָּאר וֶוערְטֶער הָאט גֶעטוֹישְׁט רֶבִּי נָתָנְ'ס גַאנְצֶע לֶעבְּן, דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעזָאגְט: "אוּן וַוייטֶער אִיז גוּט, אַז מֶען רֶעדְט זִיךְ אוֹיס דָאס הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַזוֹי וִוי מֶען רֶעדְט זִיךְ אוֹיס דָאס הַארְץ צוּ אַ גוּטֶער פְרַיינְד"; דֶער רֶבִּי הָאט אִים דֶעמָאלְט מְגַלֶה גֶעוֶוען דֶער עִנְיָן פוּן הִתְבּוֹדְדוּת, אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף זַיין שְׁפְּרַאךְ וָואס עֶר אִיז צוּגֶעוואוֹינְט צוּ רֶעדְן, אוּן אִים אַלֶעס דֶערְצֵיילְן, עֶר זָאל גָארְנִישְׁט פַארְהוֹילְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט פַאר רֶבִּי נָתָן אַז אוֹיבּ עֶר וֶועט זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען זִיךְ צוּ פִירְן מִיט דִי הַנְהָגָה, וֶועט אִים אַלֶעס גֵיין גְרִינְגֶער אוּן עֶר וֶועט הָאבְּן אַ זִיס לֶעבְּן.

מוֹהֲרַנַ"ת זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט שְׁפֶּעטֶער דֶערְצֵיילְט: "וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט אַרוֹיפְגֶעלֵייגְט זַיין הַאנְט אוֹיף מַיין אַקְסְל אוּן מִיר גֶעזָאגְט דִי וֶוערְטֶער: 'אוּן וַוייטֶער אִיז גוּט אַז מֶען רֶעדְט זִיךְ אוֹיס דָאס הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי וִוי מֶען רֶעדְט זִיךְ אוֹיס דָאס הַארְץ צוּ אַ גוּטֶער פְרַיינְד' – הָאבּ אִיךְ פַארְשְׁטַאנֶען אַז אִיךְ בִּין שׁוֹין אַ גֶעהָאלְפֶענֶער, וַוייל וָואס עֶס זָאל נָאר נִישְׁט אַרִיבֶּער גֵיין אוֹיף מִיר וֶועל אִיךְ זִיךְ נִישְׁט פַארְלִירְן, נָאר אִיךְ וֶועל גֵיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אִים אַלֶעס דֶערְצֵיילְן".

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה תּוֹלְדוֹת תשפ"ו)

## סימן טוב ומזל טוב

מו"ה **דוד בערגער** הי"ו מאנטשעסטער
צו די שמחה למזל טוב פון זיין זון
החתן **אהרן בערגער** הי"ו
עב"ג בת מו"ה **שמחה סאלז** הי"ו קרית ברסלב

***

מו"ה **משולם פייש פעלבערבוים** הי"ו קרית ברסלב
צו די שמחה למזל טוב פון זיין זון
החתן **שלום אלי' פעלבערבוים** הי"ו
עב"ג בת מו"ה **משה אהרן שפילמאן** הי"ו וויליאמסבורג

***

מו"ה **יואל שעכטער** הי"ו בני ברק
צו די שמחה למזל טוב פון זיין זון
החתן **יודא שעכטער** הי"ו
עב"ג בת מו"ה **דוד יעקב יאקאבאוויטש** הי"ו יבנאל

### נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק'

# אידן זענען זיך מחי' מיט'ן אויסוואל פון גליונות

די זיסע און ליכטיגע עצות און לימודים פון הייליגן רבי'ן, קריכן אריין מער און מער אין די וועלט, אידישע קינדער בכל מקומות מושבותיהם זענען זיך מחי' מיט די ספרים און שיעורים, עס וועקט זיי אויף צום אייבערשטן, און עס געבט זיי א וועג ווי אזוי מצליח זיין אין לעבן, נישט קיין חילוק אין וועלכע טיפע פלאנטער מען איז נאר אריינגעקראכן, נישט קיין חילוק אין וועלכע מצב מען שטייט, קען מען אלץ נוצן די עצות פון הייליגן רבי'ן, אזא זיסע און געשמאקע וועג וואס איז געאייגנט פאר יעדן מענטש אין אלע אומשטענדן, עס זעטיגט דעם נפש און עס היילט די נשמה.

נישט יעדער קומט אן צו הערן די שיעורים, נישט יעדער קומט אן צו לערנען די ספרים, אבער די וועכנטליכע גליונות איז א גרינגע זאך צו וואס יעדער האט צוטריט, דאס טרעפט מען אין שול אויפ'ן טיש, מען דארף אפילו נישט עפענען דעם דעקל, מען הויבט גלייך אן צו ליינען די הייליגע ווערטער פון רבי'ן, אראפגעלייגט אויף די היינטיגע שפראך, און עס צינדט גלייך אן דאס הארץ צום אייבערשטן.

זאל עס זיין די וועכטנליכע "גליון היכל הקודש" אין וואס איר בליקט יעצט אריין, וואס האט שוין אריינגעברענגט אין אזויפיל אידישע קינדער אמונה און יראת שמים, עס האט שוין געהאלפן אזויפיל אידן מיט עצות אויף חינוך, שידוכים, קינדער, שלום בית, און נאך; צי דער גליון "שיעורי חינוך", וואס איז געשטעלט ספעציעל אויף חינוך, וואס האט שוין קלאר געמאכט דעם וועג פאר אזויפיל אידן ווי אזוי מחנך צו זיין די קינדערלעך אויפ'ן ריכטיגן וועג; דער "זוהר" גליון וואס איז א שטיקעלע זוהר אויף די וואכנדיגע פרשה, געטייטשט אויפ'ן היינטיגן אידיש, און מיט'ן היינטיגן פשט, ווי אזוי עס צו נוצן אויפ'ן טאג טעגליכן לעבן; דער גליון "טעראפי", וואס אנטהאלט בריוון אין תורת הנפש, צו העלפן אידישע קינדער וואס מוטשען זיך מיט'ן נפש; דער גליון "אשית עצות בנפשי" און "מים רבים", געשריבן אויף לשון הקודש, מיט וואס אזויפיל אידן זענען זיך מחי', און אזוי ווייטער נאך פילע גליונות וואס קומט ארויס וואך איין און וואך אויס, און ברענגען א ליכטיגקייט אין אזויפיל אידישע הערצער און אין אזויפיל אידישע שטיבער.

אין א טעגליכע בריוו פאר אנשי שלומינו האט דער ראש ישיבה שליט"א געשריבן די פארגאנגענע וואך, "נעם פון בית הדפוס גליונות און לייג דאס אין די געגנט פון דיין שטוב; אין שולן, כוללים, ישיבות וכו'.

רבי נתן זכרונו לברכה דערציילט (חיי מוהר"ן, סימן תקמג), דער רבי פלעגט פארשעמען די תלמידים וואס האבן זיך ארויסגעדרייט פון טון 'הפצה'; און איינמאל מוצאי שבת האט דער רבי אונז געגעבן מוסר אפאר שעה היתכן מיר זענען נישט גענוג עוסק אין פארשפרייטן די עצות פאר אנדערע, מקרב זיין נאך מענטשן צום אייבערשטן, דער רבי האט דעמאלט געניצט דעם אויסדרוק: "איר זענט 'טריקענע ביימער', ענק געבן נישט ארויס קיין פירות"; אזוי ווי טריקענע ביימער, אילני סרק, עצים יבשים.

שרייב זיך איין ביי די גבאים פון בית הדפוס דו זאלסט באקומען די וועכנטליכע גליונות, אויך די זוהר גליון, אויך די חינוך גליון, אלע גליונות; לייג דאס אין די שולן אין דיין געגנט, און נאר אז מען איז עוסק אין הפצה בלייבט מען ביים רבי'ן. אזוי ווי דער בעטלער האט געזאגט (ספורי מעשיות מעשה יג, דעם צווייטן טאג): "און איך זאג אייך, אז איר וועט זיי ניט העלפין וועט עס אייך אויך שאטין"; מען מוז זיין פארנומען מיט אנטרינקען ביימער נישט צו ווערן אויסגעטריקנט, און דאס וועט מתקן זיין אלעס וואס מען דארף מתקן זיין, מען זאל נישט פארשעמט ווערן אויף יענע וועלט."


## בלייב נישט הונגעריג

ווען די הונגער נאגט, דער מאגן פארלאנגט,
דער מח דערקוטשעט, קען זיין אז די נשמה
איז הונגעריג און לעכצט נאך אביסל שפייז?

**קול ברסלב**

**212-444-9191**

**1, 2, 1, 12, 1, 27**

## חיזוק צום טיר

**איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, "עצתו אמונה", דרשות, ניגונים, סידי'ס, USB'ס, SD'ס, און נאך; דעליווערט צו אייער טיר!**

רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו

**718-387-2691**

און מיר וועלן פרובירן בעז"ה עס צו שיקן צו אייך אהיים



**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; פערזענליכע מעשיות; און נאך**
845-351-0910 / 212-444-9191
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 438-300-8080
בעלגיע 3235003461 / ארגענטינא 1152354370
צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

**קוואל פון אמונה (פרויען) - שיעורים; פערזענליכע מעשיות; רעסעפיס; און נאך**
845-351-9060 /212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090
בעלגיע 3235003462 / ארגענטינא 1152354380
חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com**/ טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**


< BreslevCenter.com >